השלמה
משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך
וויען

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת אחרי - קדושים שנת תשפ"ג לפ"ק**

### בסעודת ברית מילה של בן הר"ר יוסף פילאפ הי"ו

יום ב' פרשת אחרי - קדושים תשפ"ג לפ"ק

אין פסוק (בראשית יז-יג) המול ימול יליד ביתך וכו'. די גמרא (עבודה זרה כז.) שטעלט זיך וואס איז דער דאפלטער לשון המול ימול. די גמרא דרש'נט, המל ימול, כדי מען זאל קענען מל'ן אן אנדער קינד, מוז מען זיין קודם אליין גע'מל'ט. אן ערל וואס האט זיך אליין נישט גע'מל'ט, קען נישט מל'ן קיין צווייטן קינד.

**וואס** בעצם די לימוד מוסר השכל דערפון איז, אז מען קען נישט אויפטון ביי א צווייטן, א זאך וואס דער מענטש אליין האט נישט געטון. אז מען וויל מחנך זיין קינדער, מען וויל מחנך זיין ערליך, מוז דער טאטע זיין קודם א מוסטער פאר זיך ווי אזוי ער וויל מחנך זיין דאס קינד. ער קען זיך נישט פירן פאר זיך איין וועג, און פארן קינד זאגט מען ער זאל זיך פירן א צווייטן וועג. אז דו ווילסט מל'ן דיין קינד, דו ווילסט אים אריינברענגען בבריתו פונעם אייבערשטען, המל ימול, קודם דארף מען זעהן אז ער זאל זיין אליין גע'מל'ט, נאכדעם קען מען מל'ן א צווייטן.

**מען** האט פריער נאכגעזאגט פונעם **בעלזער רב זי"ע** אז ווען מען מל'ט א קינד, איז דאך דאס קינד א קליין קינד, אכט טאג אלט. דאס קינד קען נישט מוחה זיין, ער קען נישט שטערן, און פון דעסטוועגן דאך איז עס אזא חשוב'ע מצוה פון כניסה לבריתו של אברהם אבינו. די וועלט זאגט, כשם שנכנס לברית, אזוי ווי ווען א קינד איז מקיים די מצוה ביי די אכט טאג, איז עס דאך אן קיין פניות, ער האט דאך נישט קיין אנדערע מחשבות. כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, אפילו ווען מען ווערט עלטער, און מען איז שוין אויפגעבויט אליין, זאל ער אריינגיין אין תורה און חופה ומעשים טובים, אזוי ווי ער איז אריינגעגאנגען לברית, אן קיין דעת, און אן קיין מחשבות, נאר ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן. - אבער סוף כל סוף פעלט עפעס פון די מצוה מילה פון א מענטש, ווייל ער האט עס נישט געטון בשעת ער איז געווען מיט א רצון, ווי יעדע מצוה וואס מען דארף מקיים זיין.

**האט** דער בעלזער רב זי"ע געזאגט, אז ווען דאס קינד מל'ט זיין קינד, מיט דעם ווייזט ער דאך אז ער איז צופרידן מיט די מצוה פון מילה, ווייל ער גיט דאך עס איבער יעצט פאר זיין קינד אויך, דעמאלטס ווערט נשלם די מצוה פון מילה פונעם טאטען. קומט אויס אז די מצוה פון מילה פון יעדן קינד האט צוויי שלבים. בפועל איז מען מקיים די מצוה ווען ער ווערט אכט טאג, אבער דעמאלטס פעלט דאך נאך די חלק פון די מחשבה, דאס ווערט נשלם שפעטער בשעת ער מל'ט זיין קינד, ווייל דאס ווייזט אז ווען מען וואלט אים געפרעגט, וואלט ער מסכים געווען אז מען זאל אים מל'ן.

**קומט** אויס אז יעדע מצוה פון מילה איז המול ימול. עס איז דא המול, וואס מען מל'ט אים דעם אכטן טאג, און עס גייט צוזאמען מיט ימול, ווען ער מל'ט שפעטער זיין קינד, דעמאלטס ווערט נשלם זיין אייגענע מצוה פון ברית מילה.

## בשמחת התנאים של נכדת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**בת חדב"ן הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א עב"ג בן הרה"ג רבי אשר הלברשטאם שליט"א מצאנז סטראפקוב**

יום ב' פרשת אחרי - קדושים תשפ"ג לפ"ק

**אודה** ה' מאד בפי, ובתוך רבים אהללנו. איך דאנק דעם אייבערשטען, אז מען זיצט ב"ה ביי א שמחה פון מיין חשוב'ע אייניקל, די חשוב'ע כלה. - מען געפונט ביי די ערשטע שידוך אין די תורה, וואס אברהם אבינו האט געשיקט אליעזר, ער זאל זוכן א שידוך פאר יצחק. איז ער אנגעקומען אין שטוב פון בתואל און לבן, און ער האט פארציילט זיין גאנצע געשיכטע, און ער פרעגט צו מען איז מסכים צום שידוך. האט זיך לבן און בתואל אנגערופן, מה' יצא הדבר, דאס קומט ארויס פונעם אייבערשטען, לא נוכל דבר אליך רע או טוב (בראשית כד-נ), איך קען נישט זאגן יא, איך קען נישט זאגן ניין, נישט קיין גוטס, און נישט קיין שלעכטס, עס איז מה'. דער גרויסער לבן איז געווארן יעצט אזא גרויסער חסיד, מה' יצא הדבר, ער קען נישט רעדן גוטס און שלעכטס? מילא לא נוכל דבר אליך רע, אז עס איז מה' יצא הדבר, קען ער נישט רעדן קיין רע. אבער פארוואס קען ער נישט רעדן קיין טוב. זאגן א גוט ווארט, אז עס איז א גוטער שידוך, דער אייבערשטער האט עס אזוי געפירט. פארוואס קען ער נישט רעדן, נישט קיין רע, און אויך נישט קיין טוב.

**בפשטות**, ווייל עס איז מה' יצא הדבר, האט ער אויך נישט געוואלט, אז מען זאל רעדן טוב. ווייל די גמרא (ב"ר ס-יג) זאגט, אז אסאך מאל, א טוב וואס א רשע זאגט, לאזט זיך אויס מיט א רע. דער מדרש (ב"ר ס-יג) זאגט ביי לבן אליין, אזוי ווי ער האט געזאגט אחותינו את היי לאלפי רבבה (בראשית כד-ס), כדי מען זאל נישט זאגן, ברכתו של אותו רשע עשתה פירות, האט רבקה געדארפטווארטן יארן, ביז זי האט געקענט האבן קינדער. אז עס איז מה' יצא הדבר, זאג גארנישט, נישט קיין רע, נישט קיין טוב, נישט קיין גוטס, און נישט קיין שלעכטס.

**איך** האב געזעהן א דבר נפלא פונעם זיידן דער **שאמלויא'ער רב**, אין זיין ספר **אבני המקום** (אבן הרחיים אות לח). ער זאגט, אז מען טראכט אריין אין דעם שידוך פון רבקה מיט יצחק, איז עס ממש אומפארשטענדליך! מען זאל זיך היינט פארשטעלן א משל, איינער האט א טאכטער פון דריי יאר אלט, און עס קומט אן א פרעמדער מענטש פון דער פרעמד, מען האט אים קיינמאל נישט געזעהן, און קיינמאל נישט געקענט, מען ווייסט נישט ווער ער איז. און ער זאגט, איך האב א שידוך פאר דיין טאכטער, א בחור פון זיבן און דרייסיג יאר, ער איז דיר א קרוב, ער וואוינט דארט און דארט, מיילן אוועק פון דא, מען האט מיר געשיקט אז איך זאל גומר זיין דעם שידוך. ער גיט סימנים, איך האב געמאכט א סימן מיט וואסער, ווער עס וועט מיר געבן קודם וואסער, דאס איז די ריכטיגע שידוך. און איך וויל מען זאל שליסן דעם שידוך, און מען זאל מאכן דא תיכף די קידושין! נישט איך 'טראג' אן א שידוך, נאר מען זאל ענדיגן דעם שידוך. און נאכדעם וועסטו מיר געבן דיין טאכטער, און איך גיי אהיימפארן מיטן שידוך. וועלכער נארמאלער מענטש וואלט מסכים געווען צו אזא שידוך? מען טראגט איינעם אן, איך קען נישט דעם מענטש, איך ווייס נישט ווער ער איז, אפשר איז ער א שקרן, וואס ער זאגט, איז גארנישט אמת. ער ווייזט מיר א צעטיל, א שטר מתנה, אונטערגעשריבן מיט צוויי מענטשן, אז מען גיט אלעס אוועק א נדן פאר דעם חתן. ווער ווייסט צו דער צעטיל איז אמת, לא היה דברים מעולם. און איך גיי יעצט געבן מיין טאכטער

פאר א פרעמדער מענטש, טראג איר אריבער צו יענעם חתן. איך ווייס וואו ער וועט איר אוועקטראגן? ווי איז מעגליך אז א מענטש זאל מסכים זיין נארמאלערהייט צו אזא שידוך?

**נאר**, זאגט דער הייליגער שאמלויא'ער רב, לבן איז דאך בלעם (תנחומא ויצא יג), מען געפונט ווען בלעם האט געוואלט שעלטן יודען, האט אים דער אייבערשטער נישט געלאזט. ער האט אים אריינגעלייגט א חכה בפיו, דו קענסט נישט רעדן וואס דו ווילסט, וואס איך וועל דיר זאגן, דאס וועט ארויסקומען פון דיין מויל (סנהדרין קה:). נארמאל וואלט לבן געדארפט זאגן, דער שידוך קומט נישט אין חשבון. איך גיי נישט נעמען מיין שוועסטער, און איר אוועקשיקן אין דער פרעמד. איך ווייס נישט מיט וועם איך שיק איר אוועק. דער אייבערשטער האט אבער אריינגעלייגט א חכה אינעם מויל פון לבן, אז ער האט געזאגט, איך בין מסכים צו דעם שידוך.

**זאגט** לבן, איך קען דא גארנישט רעדן, דער אייבערשטער האט מיר צוגענומען דעם כח הדיבור. האט ער געזאגט, מה' יצא הדבר, וואס איך זאג דיר יעצט, איז נישט ווייל איך זאג עס, עס איז דער אייבערשטער, ווייל איך אליין, לא נוכל דבר אליך רע או טוב. פון מיין מויל קומט יעצט גארנישט ארויס, אלעס איז נאר פונעם אייבערשטען. און אז עס קומט פונעם אייבערשטען, קען איך נישט זאגן יא אדער ניין, איך מוז טון וואס מען האט באשערט פון אויבן אין הימל. - אזוי טייטשט דער שאמלויא'ער רב.

**א** מענטש קען טראכטן, ביי יצחק און רבקה איז אזוי געווען, דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אינעם מויל פון לבן, מסכים צו זיין צו דעם שידוך. דאס איז אבער געווען דער אנהייב פון שידוכים ביי יודען. דער ערשטער קינד יצחק, דאס איז דער מקור פון שידוכים ביי גאנץ כלל ישראל. דאס איז טייטש, אז וואס אונז זעה מיר דארט, דאס גייט יעדער יוד אדורך אין זיין שידוך. עס קען אמאל זיין קשיות אויף א שידוך, ווי פארט זיך איינס מיט דאס אנדערע, ווי פאס איך צו דעם מחותן, און דער מחותן צו מיר, וכדומה. נאר, אז מען וויל פון הימל, איז נישט דא קיין קשיות. מען זעהט נאר דעם גוטס וואס מען דארף צו זעהן, און וואס איז נישט גוט, זעהט מען נישט, שפעטער ווערט מען געוואויר צענדליגע זאכן וואס מען האט זיך נישט גע'חלומ'ט פון פריער. דאס איז מה' יצא הדבר! יעדע שידוך גייט אזוי. עס איז לא נוכל דבר אליך רע או טוב. ווען דו זאגסט יא, מיינט נישט אז דו האסט געזאגט יא, ווען דו זאגסט ניין, מיינט נישט אז דו האסט געזאגט ניין, דו האסט אינגאנצען נישט קיין ווארט אין דעם שידוך! דאס האט מען שוין אויסגערופן ארבעים יום קודם יצירת הולד, ווי אזוי דער שידוך דארף צו זיין.

**דער** מה' יצא הדבר, לא נוכל דבר אליך רע או טוב, דאס איז א יסוד אין א שידוך! א מענטש דארף זיך לאזן פירן. מען האט אים געפירט פון הימל, צוגעשיקט דעם שידוך, און אלעס קוקט אויס אין זיינע אויגן אז עס איז גוט, איז א סימן אז דער שידוך דארף צו זיין. עס איז מה' יצא הדבר, אונז האב מיר טאקע נישט דעם כח אז דער אייבערשטער זאל רעדן פון אונזער מויל, עס זאל ארויסקומען מה' אזוי ווי עס איז געווען דארט, אבער דאס אז עס קומט מה', דאס איז ביי יעדן שידוך!

**די** וועלט זאגט, אז מען שרייבט אין די תנאים, אז עס איז דא דער מחותן, דער פאטער פונעם חתן, העומד מצד בנו אזוי און אזוי. און דער אנדערער מחותן, דער טאטע פון די כלה, איז עומד מצד הכלה וואס הייסט אזוי און אזוי. מען זאגט סיי פאר דעם חתן, און סיי פאר די כלה, די עלטערן מיינען אז זיי האבן דא געמאכט א שידוך, דער מחותן האט מסכים געווען, און יענער מחותן האט מסכים געווען, און עס איז געווארן א שידוך. עס איז נישט אזוי. דער אבי החתן העומד מצד, ער שטייט פון איין זייט, ער מישט זיך גארנישט אריין. און דער אנדערער מחותן איז עומד מצד הכלה, ער שטייט אין די זייט פון די כלה. און דער אייבערשטער פירט דעם שידוך! נישט זיי צוויי האבן צוזאמגעשטעלט דעם שידוך, יעדער איז נאר א עומד מן הצד, ער שטייט פון דער זייט, עס איז מה' יצא הדבר.

**ב"ה** אזא שיינער שידוך, ענבי הגפן בענבי הגפן, אזא חשוב'ער חתן, א בחור א תלמיד חכם, א בעל מדות טובות. דער אייבערשטער וועט העלפן אי"ה, אז ער וועט ווייטער וואקסן און שטייגן אין תורה און

עבודת ה׳. זעהט אויס אז ער האט ערליך געדאווענט, האט אים דער באשעפער צוגעשיקט אזא חשוב׳ע כלה. די כלה האט ערליך געדאווענט, האט זי באקומען אזא חשוב׳ן חתן. עס איז נאר דא אזויפיל צו וואונטשן, אז דער אייבערשטער זאל געבן, זיי זאלן קענען צוזאמען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, דער זיווג זאל עולה יפה זיין, עס זאל זיין א בנין עדי עד. פאר דעם חשובן מחותן וויל איך וואונטשן א מזל טוב, מען זאל זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער. פאר דעם אבי החתן, זאל דער אייבערשטער געבן שמחות און נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות.

**און** ביי אונז אלע, יעדער דארף דאך שידוכים פאר די קינדער מיט די אייניקלעך. דער באשעפער זאל צושיקן דאס ריכטיגע פאר יעדן איינעם וואס מען דארף. מען דארף זיך נישט זארגן, עס איז מה׳ יצא הדבר, עס איז שוין אלעס אנגעשריבן, עס איז שוין אלעס אויסגעשטעלט פאר יעדן איינעם. מען דארף נאר אויסווארטן עס זאל אנקומען דאס ריכטיגע, עס איז לא נוכל דבר אליך רע או טוב, וואס דו זאגסט איז נישט מעלה ומוריד, אז מען וויל פון הימל וועט עס ממילא געשעהן. זאלן מיר זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## בסעודת ברית מילה של בן הר״ר אפרים אהרן פליישער הי״ו

יום ד׳ פרשת אחרי - קדושים תשפ״ג לפ״ק

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה׳ וימותו (ויקרא טז-א). די תורה זאגט, אז עס איז געווען בקרבתם לפני ה׳, זענען זיי געשטארבן. עס איז נישט מבואר וואס זייער חטא איז געווען. עס איז דא כמה דיעות אין מדרש, און אין די גמרא. איין דיעה איז דא, אין פסוק (במדבר ג-ד) שטייט, ובנים לא היו להם, זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער. שלא נשאו נשים, זיי האבן נישט חתונה געהאט, זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער, וועגן דעם זענען זיי נענש געווארן בקרבתם לפני ה׳. עס דארף האבן א ביאור, פארוואס פונקט אויף דעם חטא זענען זיי דעמאלטס נענש געווארן.

**מען** זאגט יעדן צופרי ביי די פרשה פון די עקידה, נאכדעם וואס מען האט געענדיגט די עקידה, זאגט מען, כמו שכבש אברהם אבינו את רחמיו לעשות רצונך בלבב שלם, כן יכבשו רחמך את כעסך מעלינו, אזוי ווי אברהם אבינו האט כובש געווען זיין רחמים אויף זיין קינד, און ער האט אים געוואלט ברענגען אויף די עקידה, בעהט מען דעם אייבערשטען אז ער זאל אויך אזוי טון, ער זאל כובש זיין, זיין מדת הדין פון יודען.

**דער** פשוטער פשט דערפון איז, במדה שאדם מודד, מודדין לו (סוטה ט.). ווי אזוי א מענטש פירט זיך דא, פירט מען זיך אויבן אין הימל. באתערותא דלתתא איתער עובדא לעילא (זוה״ק ח״א פח.), וואס א מענטש טוט אויף די וועלט, ווי אזוי ער פירט זיך, איז ער ממשיך, אז די הנהגה אין הימל זאל אויך זיין אויף דעם וועג. - א טאטע האט ליב א קינד, און פון דעסטוועגן דאך נעמט ער אוועק זיינע געפילן, און ער גייט טון דעם רצון פונעם אייבערשטען. ער איז כובש זיין רחמים, ער גייט ברענגען זיין קינד אויף די עקידה, איז ער מעורר אויבן אין הימל, אז אפילו דער אייבערשטער וויל אסאך מאל זיך פירן מיט א מענטש מיט א מדת הדין, זאל ער כובש זיין וואס ער וויל טון. אזוי ווי דער טאטע אברהם האט כובש געווען רחמיו כדי צו ברענגען דאס קינד אויף די עקידה, כן יכבשו רחמך את כעסך מעלינו. דאס איז ביי די עקידה.

**דאס** זעלבע איז ביי יעדע ברית מילה. ווועלכער טאטע וואלט גענומען א קינד, און געלאזט מען זאל מאכן א חבורה אינעם קינד. עס איז דאך נאר, אז דער טאטע איז כובש זיין מדת הרחמים, כדי לעשות

רצונך. צו טון דעם רצון פונעם אייבערשטען, לייגט ער אוועק זיינע געפילן, ער איז גרייט אז מען זאל מל'ן דאס קינד. יעדע מצוה פון מילה, איז מעורר רחמים אויבן אין הימל, אז אזוי ווי דער טאטע האט כובש געווען זיין רחמים פארן קינד, כן יכבשו רחמיך את כעסך מעלינו.

**נדב** ואביהוא זענען נענש געווארן במדת הדין. עס איז געווען בקרבתם לפני ה', וסביביו נשערה מאד, האט זיך דער אייבערשטער געפירט מיט זיי מיט א מדת הדין, אז פאר א קלייניגקייט זענען זיי צוגענומען געווארן. ווען זיי וואלטן אבער געהאט קינדער, און זיי וואלטן זיי מכניס געווען בבריתו של אברהם אבינו, וואלט דער אייבערשטער אויך כובש געווען זיין מדת הדין וואס איז דא אויף זיי, אזוי ווי זיי האבן זיך געפירט. כמו שכבש אברהם אבינו את רחמיו, כן יכבשו רחמיך את כעסך מעלינו. אבער אז ובנים לא היו להם, האבן זיי נישט געהאט מיט וואס מעורר צו זיין זייער כובש זיין זייערע מידות פארן אייבערשטען, האט געפעלט פארקערט אויך דער אתערותא דלעילא, אז דער אייבערשטער זאל כובש זיין, זיין מדת הדין פאר זיי.

## דברי תורה שנאמרו לתלמידי הישיבה קטנה

יום ה' פרשת אחרי - קדושים תשפ"ג לפ"ק

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה (ויקרא יט-ב), דבר אל כל עדת בני ישראל, ואמרת אליהם קדושים תהיו, כי קדוש אני ה' אלקיכם. זאגט רש"י, פרשה זו בהקהל נאמרה, ביי די פרשה האט משה רבינו צוזאמגענומען אלע יודען צוזאמען, מפני שרוב גופי תורה תלויין בה, וויבאלד רוב גופי תורה זענען תלוי אין דעם. אין די מפרשים שטייט פארשידענע רמזים, וואס דאס מיינט פרשה זו בהקהל נאמרה.

**די** עצם מצוה אליין, וואס מיינט דאס קדושים תהיו, אז מען דארף זיין הייליג. טייטשט רש"י, אז עס גייט ארויף אויף הוו פרושים מן העריות ומן העבירה, ווייל ווי מען טרעפט א גדר פון ערוה, אתה מוצא קדושה. קדושים תהיו איז טייטש, אז מען דארף זיין אפגעהיטן פון ערוה. דער **רמב"ן** זאגט, אויף דעם דארף מען נישט האבן א עקסטערע פסוק, ווייל די מצוה שטייט שוין אין די תורה ערגעץ אנדערש אויך. דער רמב"ן טייטשט אנדערש, קדושים איז פרישות. זאכען וואס די תורה האט מתיר געווען, דארף זיך א יוד פירן הייליג. אפילו עס איז מותר, דארף מען נישט זיין א נבל ברשות התורה. מען קען זיך אמאל פירן ברשות התורה, און ער פירט זיך ווי א געמיינער מענטש. מען דארף אכט געבן ביי יעדע זאך, זיך צו פירן מיט א געוויסע פרישות. די תורה האט מתיר געווען צו עסן און צו טרינקען וואס עס איז כשר, דאס מיינט נאכנישט אז מען דארף זיין א זולל און א סובא, אז מען דארף עסן פלייש, און מען דארף טרינקען ווין. א מענטש דארף זיך צוימען, זיך מקדש זיין במועטו, מען זאל טרינקען ווייניג ווין. דאס איז טייטש קדושים תהיו, צום דיך, זיי דיך פורש פון וואס מען דארף נישט.

**עס** איז דא דיבורים וואס די תורה האט גע'אסר'ט, וואס מען טאר נישט רעדן. אבער אויסער דעם, מעג א מענטש אלעס רעדן. זאגט דער רמב"ן, אויף ניבול פה, רעדן א זאך וואס איז נישט שיין, שטייט נישט א איסור אין די תורה אז מען טאר נישט. פון דעסטוועגן דאך, דאס גייט אריין אין די מצוה פון קדושים תהיו, אז א יוד דארף זיך היטן ווי אזוי ער רעדט. אלעס וואס א יוד טוט, דארף ער זיך פירן מיט א געוויסע קדושה. זיך מפריש זיין פון טומאה. יעדע זאך וואס די תורה האט מתיר געווען, דארף מען זיך פירן מיט א קדושה און פרישות.

**מען** געפונט ביי דיבור, ביים רעדן, וואס א יוד דארף זיך היטן, ווי ווייט עס גייט דער שכר דערויף. מען געפונט ביי עמון און מואב, שטייט אין די גמרא (בבא קמא לח:), אז די תורה האט מער מרחיק געווען מואב פון עמון, ווייל דער באשעפער איז נישט מקפח שכר שיחה קטנה. דער נאמען עמון איז געווען ווייל ער איז בן עמי, און דער נאמען מואב איז ווייל ער איז מאבי. די נאמען פון מואב איז נישט אזוי שיין

גערעדט, ווי דער נאמען פון עמון. פאר דעם וואס מען האט שיין גערעדט, שכר שיחה נאה, האט דער אייבערשטער באצאלט פאר עמון מער ווי פאר מואב. – מען רעדט יעצט פון א גוי, פאר מתן תורה, וואס זיי האבן געגעבן א נאמען פאר צוויי פעלקער, עמון און מואב, און פון דעסטוועגן דאך, פאר שיין רעדן, האט די תורה נישט מקפח געווען דעם שכר, דער באשפער האט זיי באצאלט. – דאס איז די מצוה פון קדושים תהיו, אז מען דארף ביי יעדע זאך צוגעבן קדושה און פרישות. אפילו וואס מען מעג טון, מען דארף רעדן איידל, עסן איידל, און אזוי ווייטער.

*

**און** די מצוה איז געגעבן געווארן בהקהל. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז צו זיין א פרוש, אפגעזונדערט ביי זיך אין שטוב, נישט האבן קיין שום שייכות מיט קיינעם, זיין א לאנע"ר, פאר זיך אליין, איז זייער גרינג צו זיין א פרוש. מען רעדט נישט צו קיין מענטשען, מען גייט נישט ארויס אויף די גאס, און מען זעהט נישט, מען האט נישט קיין שייכות מיט קיינעם, התבודדות פאר זיך, איז מען א פרוש. אבער נישט דאס איז דער חיוב פון די תורה, די תורה האט נישט געהייסען אז מענטשן זאלן זיין אפגעזונדערט. די תורה האט פארלאנגט, אפילו ווען די טוסט אלעס מענטשלעך, אזוי ווי יעדע מענטש טוט. דו ביסט בהקהל, דו ביסט צווישן א גאנצע ציבור פון מענטשען, פון דעסטוועגען דאך פיר זיך ווי א קדוש. קדושה און פרישות איז נישט זיך אפזונדערן פון די וועלט, נאר זיין מיט די וועלט צוזאמען, און זיך פירן ערליך.

**די** וועלט זאגט נאך אויפן **חפץ חיים זצ"ל**, אז ער פלעגט אסאך צו רעדן. עס איז דא אזויפיל מעשיות פונעם חפץ חיים, דאס איז אלעס נישט געשריבן געווארן, נאר וואס מען האט געהערט פון אים. און ער האט געזאגט, פארוואס רעדט איך אסאך, ווייל אזוי ווי איך האב גשריבן א ספר אויף שמירת הלשון, אז מען דארף זיך היטן פון רעדן לשון הרע, און אנדערע עבירות וואס איז נוגע צום דיבור. וועט מען דאך מיינען אז מען קען נישט זיין אפגעהיטען אין שמירת הלשון, נאר ווען א מענטש מאכט זיך צו דאס מויל, און ער רעדט נישט. האט ער געוואלט ווייזען אז א מענטש קען רעדן אסאך, און פון דעסטוועגן דאך זאל ער זיין נזהר אין שמירת הלשון. ווען איינער שרייבט, און ער איז נישט עובר קיין איסורים מיטן דיבור, איז נישט קיין קונץ. רעדן, און פון דעסטוועגן דאך זיך היטן. ווען עס קומט צו א דבר איסור רעדט מען נישט, און ווען עס קומט צו א דבר היתר רעדט מען, דאס איז די מצוה פון קדושים תהיו. פרשה זו בהקהל נאמרה, די מצוה איז געגעבן געווארן בהקהל, נישט נאר ווען דו ביסט אפגעזונדערט פון מענטשען, נאר אפילו מען איז בהקהל, צוזאמען מיט אנדערע, זאלסטו זיך פירן מיט קדושה און פרישות, ווי דער תורה הייסט.

*

**א** טייל מפרשים זאגען אויף די אנדערע וועג. פרשה זו בהקהל נאמרה, אז מען וויל זיין א קדוש, איז עס תלוי בהקהל. ווען מען איז מיט א ציבור צוזאמען, בחורים אין א ישיבה, אין א כולל, אין א בית המדרש, לערנט זיך איינער אפ פונעם צווייטען, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, און אזוי וואקסט מען אויס קדושים. פון דעם וואס מען איז צוזאמען, אין יעדע ציבור איז דא גאר ערליכע, און גאר בעלי כשרונות, און שוואכערע, און מען זעהט ווי אזוי יענער פירט זיך ווי עס דארף צו זיין, עס מאכט א רושם. קנאת סופרים תרבה חכמה (בבא בתרא כא.). אז יענער איז מצליח, ברענגט עס צו אז דער מענטש זאל אויך וועלן גיין אויף דעם וועג. מען זעהט אמאל דאס איידלקייט וואס א בחור האט, ברענגט עס ארויף אויף א צווייטען אויך, צו זיין אויף דעם וועג. - אז מען זעהט א בחור דאווענט ערליך, ער דאווענט ווי עס דארף צו זיין, ער דרייט זיך נישט ארום ביים דאווענען, און ער דאווענט בכוונה, איז עס מעורר אנדערע אז מען זאל זיך אזוי פירן.

**ווען** מען זעהט אז א בחור פארהערט זיך א מסכתא, ברענגט עס קנאת סופרים. אז ער קען, קען איך אויך, איך בין נישט אנדערש פון אים. אפילו איך קען נישט די גאנצע מסכתא, קען איך די האלבע מסכתא, אבער עס ברענגט קנאת סופרים, אז מען זאל לערנען. מען זעהט ווי אזוי א בחור פירט זיך אויף, אזוי ווי עס דארף צו זיין, מיט שיינע מדות, ברענגט עס דערצו, אז מען זאל זיך אויך פירן אויפן זעלבן וועג. - און אז מען רעדט שוין, וויל איך ארויסברענגען א בחור אין ישיבה, יואל אשר, האט זיך יעצט פארהערט ביי 'דרשו' פון אנהייב ביז מסכת

נזיר. דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל קענען ווייטער מסיים זיין אסאך מסכתות. - איך וויל ארויסברענגען די נקודה, אז איינער לערנט זיך אפ פונעם צווייטען, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**מען** ווייסט אז דער **בעל שם טוב הק'** האט איינגעפירט אז מען זאל גיין צו צדיקים, און זיך לערנען ביי זיי. דער **ערוגת הבשם** שרייבט אין **הכנה דרבה** (אות ג'), ער זאגט אן פאר די קינדער, אז זיי זאלן זיך שטענדיג מדבק זיין, און גיין צו א צדיק. און ער שרייבט דארט, אז מען זאל גיין צו א צדיק ווי מען איז ארומגענומען דארט מיט ערליכע יודען ארום און ארום, ווייל מען לערנט זיך אסאך מער פון די חברותא ארום און ארום, ווי מען לערנט זיך פונעם צדיק. ערליכע יודען פון פארשידענע מקומות, זענען זיך צוזאמגעקומען צו א צדיק, האט זיך איינער געלערנט פונעם צווייטען. - דאס איז קדושים תהיו, פרשה זו בהקהל אמרה, אז מען געפונט זיך אין א הקהל, אז מען געפונט זיך צוזאמען איינער מיטן צווייטען, דאס ברענגט אז מען זאל קענען אויסוואקסען א קדוש. פאר זיך אליין, קען א מענטש מיינען אייביג, אז ער גייט אויפן ריכטיגען וועג. אבער ווען ער זעהט אז יענער דאווענט שענער, און יענער פירט זיך אויף איידעלער פון אים, זעהט ער ווי אזוי ער דארף זיך צוגעבן, און מוסיף זיין.

*

**מען** ברענגט צו פון **רבי אורי סטרעליסקער זי"ע**, אז נאך די מצוה פון קדושים תהיו, זאגט די תורה, איש אמו ואביו תיראו, ואת שבתותי תשמורו (ויקרא יט-ג). זאגט ער, אז די גמרא (נדה לא.) זאגט, שלשה שותפים יש באדם. א מענטש האט דריי שותפים, טאטע, מאמע, און דער אייבערשטער. די בשר און די דם קומט פון די מאמע. די ביינער פונעם מענטש דאס איז פון די טאטע, און דער אייבערשטער גיט אריין די נשמה אינעם מענטש, ויפח באפיו נשמת חיים (בראשית ב-ז). דער חלק וואס דער אייבערשטער גיט אריין, דאס איז קדושה. דער אייבערשטער איז קדוש, כי קדוש אני ה' אלקיכם, איך בין הייליג. קדושים תהיו, עטץ האטס די מעגליכקייט צו זיין קודש, ווייל דער באשעפער האט דיר געגעבן א נשמה, וואס די נשמה איז קודש. אבער איש אמו ואביו תיראו, דער חלק וואס א מענטש האט פון אביו ואמו, זיין גוף וואס איז צוזאמגעשטעלט פון אביו ואמו, דארט דארף ער מורא האבן אז דאס זאל אים נישט אוועקשלעפן פונעם ריכטיגען וועג, ווייל דער גוף וויל דאך נאך גיין נאך תאות הגוף.

**דבר** אל כל עדת בני ישראל ואמרת אליהם, קדושים תהיו, עטץ האטס אין זיך די מעגליכקייט, [פאטענשעל"ס ווי מען זאגט], אז עטץ זאלטס זיין קדושים, כי קדוש אני ה' אלקיכם, ווייל איך בין הייליג, און איך האב אריינגעלייגט אין ענק א נשמה וואס איז הייליג, וואס דורך דעם האט א מענטש א מעגליכקייט צו זיין קדוש. נאר איש, יעדער איינער, אמו ואביו תיראו, ער דארף מורא האבן פאר זיין חלק פונעם טאטע און פון די מאמע. די צוויי שותפים, וואס דאס איז דער גוף פונעם מענטש, וואס איז צוזאמגעשטעלט פון זיי, פון דעם דארף מען מורא האבן, אז עס זאל אים נישט אוועקשלעפן פון די קדושה.

**און** דער פסוק ענדיגט אויף דעם, ואת שבתותי תשמורו, אויף דעם האט אונז דער אייבערשטער געגעבן א שבת, וואס דער שבת דארף דערהייבן א יוד. אפילו די עניני גשמיים איז ער דעמאלטס מעלה פארן אייבערשטען. עונג שבת איז דער טייטש, אז מען איז מעלה די אכילה וואס מען עסט, פאר א עונג שבת. - און בכלל דער שבת איז א יום מנוחה, יום מנוחה וקדושה לעמך נתת, א טאג וואס א מענטש האט צייט אויף התבודדות, צו טראכטען מה חובתו בעולמו, ווי אזוי ער דארף זיך צו פירן, וואו איז ער שוואך, און אין וואס דארף ער זיך פארבעסערן. אז מען וויל זיין קדושים, אז מען וויל זיך האלטען פאר א קדוש, ואת שבתותי תשמורו, דער שבת דאס קען צוברענגען דערצו, אז מען זאל צוקומען צו אני ה' אלקיכם.

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית פרשת אחרי - קדושים תשפ"ג לפ"ק
## ונשנו בהשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת אמור תשפ"ג לפ"ק

**די** וואך אין די פרשה איז די עבודה פונעם כהן גדול אין יום כיפור. דער כהן גדול האט יעדן יום כיפור געטון א טייל פון די עבודות מיט בגדי זהב, און א טייל מיט בגדי לבן. די עבודה וואס מען האט געטון בחוץ, אינדרויסן, האט ער אנגעהאט די בגדי זהב, און ווען ער האט געטון די עבודה אינעווייניג אין קדשי קדשים, האט ער אנגעטון בגדי לבן. פינף מאל האט ער זיך געטוישט די בגדים. ער האט קודם אנגעהויבן מיט די בגדי זהב אינדרויסן, און ווען ער איז אריינגעגאנגען אינעווייניג אין קדשי קדשים האט ער געטון דריי זאכן, ער האט געשפריצט די דם פונעם פר, און פונעם שעיר, און ער האט מקטיר געווען די קטורת, וואס צו דעם האט ער זיך אנגעטון די בגדי לבן. ווען ער איז ארויסגעקומען, האט ער זיך ווייטער אנגעטון די בגדי זהב, וואס מיט דעם האט ער געטון די עבודה אינדרויסן. נאכדעם איז ער אריינגעגאנגען ארויסצוברענגען די כף ומחתה, האט ער צוריק אנגעטון די בגדי לבן. נאכדעם ווען ער איז ארויסגעקומען, האט ער זיך ווייטער אויסגעטון די בגדי לבן, און אנגעטון די בגדי זהב. און לויט דעם איז געווען פינף טבילות, מיט צען מאל וואס ער האט זיך מקדש געווען ידיו ורגליו. ביי יעדע לבושה איז געווען קידוש ידיו ורגליו פארדעם און נאכדעם, און יעדעס מאל האט ער זיך געדארפט טובל'ן.

**און** עס דארף א ביאור, מילא ווען ער האט זיך גע'טובל'ט דאס ערשטע מאל, נאכדעם וואס ער האט געטון די עבודה בחוץ, און יעצט גייט ער טון די עבודה אינעווייניג, דאס איז פון א קדושה קלה, צו א קדושה חמורה. צו טון די עבודה אינעווייניג, דארף ער א עקסטערע טבילה פאר די עבודה וואס ער גייט טון אינעווייניג. אבער ווען ער האט זיך שוין גע'טובל'ט צו טון אן עבודה אין קדשי קדשים, און ער איז ארויסגעקומען, און ער גייט יעצט טון א שוואכערע עבודה, פארוואס דארף ער זיך נאכאמאל טובל'ן צו די עבודה קלה? געווענליך אז א מענטש טובל'ט זיך צו א דבר חמור, איז שוין אין דעם נכלל די דבר קל. ווען א מענטש טובלט זיך צו חולין, איז די הלכה אז ער טאר נישט עסן קיין תרומה. ווען ער טובלט זיך צו תרומה, טאר ער נאכנישט עסן קיין קודש. אבער אויב ער טובל'ט זיך צו קודש, קען ער אלעס עסן. און אז ער האט זיך שוין גע'טובל'ט אריינצוגיין מיט בגדי לבן, פארוואס דארף ער זיך נאכאמאל טובל'ן ווען ער קומט ארויס, צו טון די עבודה בחוץ.

**אין** די ענדע פון די פרשה פון יום כיפור, זאגט דער פסוק (ויקרא טז-לד) ויעש כאשר צוה ה' את משה, ווען עס איז געקומען יום כיפור, האט אהרן געטון אלעס וואס דער אייבערשטער האט מצווה געווען פאר משה רבינו. ער דארף פארציילן אז אהרן האט געטון אלעס וואס מען האט געהייסן? יעדער איד טוט וואס מען דארף צו טון. זאגט רש"י, ער וויל פארציילן שבחו של אהרן, אז ווען ער האט אנגעטון די בגדים, האט ער עס נישט אנגעטון לגדולתו, פאר זיין גרויסקייט, נאר כאשר צוה ה' את משה. דאס איז דער ויעש, די כוונה וואס ער האט געהאט בשעת ער האט עס געטון, איז געווען כאשר צוה ה' את משה.

**די** מפרשים שטעלן זיך, אז די פשוטער פשט איז, אז ווען ער האט זיך אנגעטון די שיינע בגדים, די שמונה בגדים זענען דאך געווען מלכות'דיגע בגדים, קען ער עס אנטון פאר זיין גרויסקייט, איך בין דער כהן גדול. זאגט די תורה, אז ער האט עס אנגעטון כאשר צוה ה' את משה. וואלט דאך דאס געדארפט צו שטיין ביי די עבודות פון יעדן טאג, ווען מען טוט אן די בגדי זהב. דא ביי די עבודה פון יום כיפור, איז ער דאך אריינגעגאנגען מיט בגדי לבן, מיט בגדי לבן האט דאך יעדער כהן הדיוט אזוי געטון די עבודה. פארוואס שטייט דא ויעש כאשר צוה ה' את משה, דא ביי די עבודה פון יום כיפור איז נישט קיין חידוש אז ער האט עס געטון כאשר צוה ה' את משה, דער חידוש איז, א גאנץ יאר ווען ער האט געטון די עבודה מיט די שמונה בגדים, האט ער עס נישט געטון נאר כאשר צוה ה', און נישט לגדולתו. וואלט דאך דאס געדארפט שטין ביי די עבודה פון יעדן טאג, ווען ער איז געגאנגען מיט די בגדי זהב.

**דער** פשט דערפון איז. דער מדרש (ויק"ר כא-יב) פרעגט, ווי אזוי האט דער כהן גדול געקענט אריין גיין אין קדשי קדשים, עס שטייט דאך אין פסוק

(ויקרא טז-יז), וכל אדם לא יהיה באוהל מועד, קיין מענטש האט נישט געטארט זיין דארט. וכי כהן גדול לאו אדם הוא, ער איז דאך אויך א אדם. זאגט דער מדרש דערויף, אז דער כהן גדול בשעת ער איז אריינגעגאנגען טון די עבודה, איז ער אינגאנצען נישט געווען אזוי ווי א אדם, ער איז געווען אזוי ווי א מלאך, פניו זענען געווען בוערת כלפידים, דער פנים האט אים געברענט אזוי ווי א פאקל. און אזוי שטייט אויף אהרן (מלאכי ב-ז), כי מלאך ה' צבאו'ת הוא, ער איז א מלאך, און א מלאך קען אריין גיין.

**תוספות** (מנחות קט:) פרעגט, אז אין ירושלמי (יומא ה-ב) שטייט, אז אפילו א מלאך האט אויך נישט געטארט זיין אינעווייניג בשעת מען האט געטון די עבודה, ווייל ביי א מלאך שטייט (יחזקאל א-י) ודמות פניהם פני אדם. וכל אדם, אפילו מלאכים וואס פניהם פני אדם, טארן אויך נישט זיין אין אוהל מועד. איז דאך דאס נישט קיין תירוץ אז אהרן איז געווען אזוי ווי א מלאך. ענטפערט מען דערויף, א מלאך נישט, אבער א מענטש וואס איז געווארן א מלאך, איז אנדערש. ער איז א העכערע מדריגה פון א מלאך, ער האט יא געקענט אריינגיין אינעווייניג.

**קומט** דאך אויס, אז בשעת דער כהן גדול איז אריינגעגאנגען אינעווייניג אין קדשי קדשים, איז דאך שווער ווי אזוי גייט ער אריין אינעווייניג אין אוהל מועד, עס איז דאך דא דער איסור פון וכל אדם לא יהיה באוהל מועד, א אדם טאר נישט זיין דארט. איז דער תירוץ, איך בין נישט קיין אדם יעצט, איך בין א מלאך. און נישט נאר א פשוט'ער מלאך, ווייל א מלאך טאר אויך נישט אריינגיין, נאר איך בין א היכער מלאך וואס איז געווארן פון א אדם, אז איך קען יא אריינגיין אינעווייניג אין קדשי קדשים. וועגן דעם האט ער אנגעטון בגדי לבן, ווייל ביי די מלאכים שטייט אז זיי זענען לבוש הבדים (יחזקאל ט-ג), זיי גייען אנגעטון מיט ווייסע בגדים. און אזוי ווי יעצט גייט ער אריין אזוי ווי א מלאך, האט ער זיך אויסגעטון די בגדי זהב, און ער האט זיך אנגעטון די בגדים פון א מלאך.

**קומט** דאך אויס, אז ווען אהרן הכהן איז אריינגעגאנגען טון די עבודה אין קדשי קדשים, האט ער זיך געמוזט באטראכטן אין זיין גרויסקייט, איך בין א מלאך אלקים, ווייל אויב נישט, קען איך דאך נישט אריינגיין. וואלט מען דאך געקענט טאקע מיינען, אז ווען אהרן הכהן איז אריינגעגאנגען, איז ער אריינגעגאנגען לגדולתו, ער האט מחשיב געווען זיין גדולה, איך בין יעצט א מלאך אלקים. די תורה איז מעיד אויף מיר אז איך בין א מלאך, ווייל אויב נישט קען איך נישט אריין גיין טון די עבודה. זאגט די תורה, ניין, ויעש כאשר צוה ה' את משה, איך טו נישט אן די בגדי לבן צו טון די עבודה אינעווייניג ווייל איך בין א מלאך, נאר איך טו וואס דער אייבערשטער האט געהייסן. איך בין א מלאך, בין איך א מלאך, אבער ער איז נישט אריינגעגאנגען לגדולתו. די גדולה איז נישט וואס ער האט בגדי זהב. די גדולה איז, אז מען גייט אריין אין קדשי קדשים ווי א מלאך, מיט בגדי לבן, און ער זאל עס נישט טון לגדולתו, פאר זיין גרויסקייט, נאר ער טוט עס כאשר צוה ה' את משה.

**מען** ברענגט צו פונעם **רבי פון לובלין**, אז ער האט אמאל געזאגט אויף זיך, אז ווען דער אייבערשטער זאל זאגן אויף מיר, אז איך בין א צדיק, מוז איך דאך גלייבן, ווייל דער באשעפער זאגט נישט קיין ליגנט. אבער פון דעסטוועגן דאך וועל איך נאר גלייבן, אז די רגע וואס דער אייבערשטער האט עס געזאגט, דעמאלטס בין איך געווען א צדיק, אבער א רגע שפעטער, קען זיין אז איך בין שוין נישט אין די מדריגה, איך בין שוין געפאלן פון די מדריגה. אפילו עס איז דא א זמן וואס א מענטש דארף גלייבן, אז יעצט בין איך אין א הויכע מדריגה, דאס איז נאר ממש אויף די סעקונדע, נישט אויף שפעטער.

**דער** כהן גדול, ווען ער איז אריינגעגאנגען אין אהל מועד, האט ער זיך געדארפט באטראכטן אז ער איז א מלאך, אז נישט קען ער נישט אריין גיין. זאגט אבער די תורה הק' (ויקרא טז-כג), ווען ער קומט ארויס פון דארט, ופשט את בגדי הבד אשר לבש בבואו אל הקודש, והניחם שם. ווען דו קומסט ארויס, טו דיר אויס די בגדי הבד, וואס דו האסט דיך געהאלטן אז דו ביסט א מלאך, והניחם שם, לאז עס דארט. טו דיך נישט מער אנקליידן מיט דעם אז דו ביסט געבליבן א מלאך. יא, נעכטן ביסטו געווען א מלאך, אבער היינט א גלח. עס איז נאך נישט קיין ראיה, אז וואס דו ביסט געווען נעכטן, אז אזוי ביסטו שפעטער. ער זאל זיך אויסטון די בגדי הבד, והניחם שם, לאז עס דארט.

**אבער** על כל פנים א מענטש איז דאך נאר א מענטש, קען דאך אמאל זיין א מחשבה, א התנשאות, וואס קומט אריין פאר דעם כהן גדול, אז איך בין אין קדשי קדשים, ווייל איך בין א מלאך. ווען דו גייסט ארויס פון די עבודה, דארפסטו טבילה! דו האסט טאקע געטון זייער א גרויסע קדושה אין קדשי קדשים, אבער עס איז אויך געווען דארט א תועבת ה' כל גבה לב (משלי טז-ה). אין די צייט וואס דו ביסט אריין געגאנגען, האסטו דאך געמוזט האלטן אז דו ביסט א מלאך. האט די תורה געהייסן, ווען מען קומט ארויס פון דארט, און מען טוישט זיך פון בגדי לבן אויף בגדי זהב, עס איז מעגליך אז דו גייסט יעצט אריין אין א העכערע קדושה פון וואס דו האסט ביז יעצט געטון. ווייל די קדושה וואס דו האסט געטון אינעווייניג, איז טאקע א קדושה חמורה, אבער די מחשבה וואס דו האסט געקענט האבן בשעת דו האסט עס געטון, קען קאליע מאכן דיין עבודה, אז דו דארפסט האבן טבילה, דו זאלסט קענען ווייטער טון די עבודה בחוץ.